# פרשת שלח

## בס"ד. משיחת י"ט כסלו תשמ"ג

### – בענין "שלימות הארץ" –

**רשימה פרטית בלתי מוגה**

א זאך וואס טוט-ווי האט מען קיין ברירה ניט, מוז מען א געשריי-טאן.

ער ווייס, אז ער וועט שרייען וועט דער ווייטאג ניט קלענער ווערן, אבער ניט ער שרייט מצד השכל; ער שרייט – דערפאר וואס ס'טוט ווי!

דא איז דא על כל פנים עפעס-וואס א האפענונג, אז מ'וועט שרייען נאכאמאל און נאכאמאל, און ניט נאר מאחורי הפרגוד, נאר מ'זעט אז מ'שעמט זיך ניט און מ'שרייט דאס, און קען זיין אז מ'וועט דאך שרייען אין דעם טאג וואס פאר די בחירות אויך –

איז אפשר וועט דאס סוף-כל-סוף דערנעמען און מ'וועט איינשטעלן – בלשון המדינה – "פראיארעטיס", אז צום אלע ערשטן דארף מען פארזארגן בטחון פון די הדרים עליה, פון די אידן און ניט-אידן וואס געפינען זיך אין ארץ-הקודש, און באזארגן דאס – אויך אין דרך הטבע:

לכל לראש מצד דעם בטחון אין דעם אויבערשטן וואס שומר ישראל "לא ינום ולא יישן"[1].

*

און איבער'חזר'ן דערנאך דעם זעלבן טעות איצטער אין לבנון:

מ'האלט הונדערטער און טויזנטער אידישע חיילים, מ'לאזט זיי ניט פארענדיקן זייער שליחות, וואס (זיי האבן) מ'האט זיי אהינצו געשיקט מלכתחילה, און ס'איז מלכתחילה געווען די הצעה, מיט א ראי' מוכחת, פון די מומחים לאנשי צבא, אז אויב מ'וועט דאס פארענדיקן "בשעתא חדא וברגעא חדא", איז האט זיך קיינער ניט געריכט אויף דעם, און דעמאלט וועט דאס זיין אפגעטאן אין געציילטע טעג,

מ'איז אוועקגעפארן פון דאנענט, פון דער עיר הבירה מ'זאל ניט קענען אויף זיי לוחץ זיין, און מ'האט זיי מודיע געווען, אז מ'פארט אוועק אויף א משך זמן –

---

1) ס' תהלים קכא, ד.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שלח

האט מען אנגעהויבן טאן, און מ׳האט זיך דערשראקן פאר גוי׳אישקייט שבקרבו! במילא האט ער אראפגעווארפן, דער "חטאנו [לפניך] ביצר הרע", איז געווען דער שרעק פאר א גוי כפשוטו, וואס יענער האט דאס גארניט געמאנט, און מ׳האט אפגעשטעלט, ס׳זאל שטיין אויף אן ארט, און מ׳זאל ניט מגין זיין על עצמו איידער דער צד שכנגד הויבט דאס אן.

במילא פאלן רחמנא ליצלן קרבנות במשך שבועות וחדשים אלו, וואס בדרך הטבע האט מען דאס געקענט אויסמיידן, ווי ס׳האט לכתחילה אנגעזאגט כל המומחים פון צבא פה אחד, אז דאס איז די וועג וואס ס׳וועט זיין דער מינימום פון קרבנות, דער מינימום פון פצועים, סיי פון צווישן אידן סיי פון צווישן ניט-אידן; אויב מ׳וועט דאס פארציען, איז כל יום ויום...

פונקט ווי ס׳איז געווען אין דער מלחמה הנקראת בשם "מלחמת יום הכיפורים", אז דורך דערויף וואס די פאליטיקער און די וואס זיינען בא זיך געווען אראפגעפאלן פארן גלות, האבן ניט צוגעלאזט, אז מ׳זאל אננעמען די עצה און די הוראה ברורה פון אנשי צבא און מ׳זאל מאכן א גיוס פון דעם צבא, וואלט דאס אנגעשראקן און ס׳וואלט ניט געקומען לידי מלחמה,

און מ׳האט דאס געזאגט ברור בשעת מ׳האט געהאנדלט וועגן אט דער שאלה, ווי מ׳האט שוין דערנאך מגלה געווען און אפגעדרוקט, אז אזוי איז געווען די מעשה בפועל,

און ס׳זיינען געווען די מוגי לב וואס האבן דאס אנגעטאן, אז דאס איז "אל תתגרה באומות": מ׳טאר ניט אנרייצן קיין ניט-אידן, במילא מוז מען זיך איינשטעלן אין סכנה און ניט מאכן קיין גיוס, און ניט מאכן קיין (לכתחילה) ענינים וואס קען אויסגעטייטשט ווערן, אז דאס איז ניט הגנה נאר "התקפה", און ס׳האט דערנאך געבראכט – רחמנא ליצלן היו לא תהי׳ – הונדערטער און הונדערטער קרבנות, נוסף אויף די פצועים, וואס די אלמנות און די יתומים גייען איצטער ארום איבער די גאסן אין ארץ-הקודש. און די זעלבע מוגי לב, טרעפן-אן די אלמנות און די יתומים.

*

און דערנאך איז מען געקומען, כמדובר, אויף דער ישיבה, אויף דער זיצונג, וואס מ׳האט באהאנדלט אט די פראגע, און מ׳האט זיי געזאגט בפירוש, אז ס׳איז דא צוויי וועגן: דער וועג וואס אנשי הצבא זאגן פה



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שלח

ברור, אז מ׳זאל דאס זען פארענדיקן וואס פריער, און יעדער טאג וואס מ׳וועט דאס מאכן שנעלער – וועט דאס פארשפארן קרבנות סיי פון צווישן אידן, סיי פון צווישן ניט-אידן.

און מ׳האט זיי פארשריען און ניט געלאזט קומען (לידי) צו דעם מעשה, [אז] די החלטה זאל זיין כדעתם.

און ס׳ציט זיך א מעשה חדשים נאכאנאנד! און מ׳זעט מידי יום ביומו פאלן רחמנא ליצלן קרבנות.

איז מען געפאלן אויף א המצאה, אז מ׳וועט דערפון ניט דערציילן!

דער קרבן איז געפאלן, און די אלמנה איז דא, און דער יתום איז דא – האט מען אנגעזאגט די צייטונגען: איר זאלט דאס ניט מפרסם זיין, כדי ניט מאכן שווער אידן אויפן הארצן!

– א געוואלדיקע זאך, א איד זאל האבן מנוחת הנפש און מנוחת הגוף איז דאס א מצוה בתורה: "ואהבת לרעך כמוך"[2]. ניט סתם א מצוה – א "כלל גדול בתורה"[3],

אויף וואס האט מען דאס אבער אויסגענוצט – אז מ׳זאל ציען און ציען און ציען.

וכאמור, די זעלבע וואס האבן דעמאלט געבראכט צו יענע הונדערטער קרבנות – האבן שוין געבראכט צו הונדערטער קרבנות, וואס בדרך הטבע האט דאס ניט געהאט קיין ארט זיי זאלן פאלן, ווען מ׳פאלגט די אנשי הצבא און מ׳פירט-דורך דעם "שלום הגליל" – ווי מ׳האט דאס א נאמען געגעבן – "בשעתא חדא וברגעא חדא", וואס אויף דערויף איז געווען בפשטות גענוג עטלעכע טעג!

און וואס דאס (איז געווען) וואלט געווען א תועלת סיי פאר די אידן, סיי פאר דעם צד השני. און ס׳וואלט ניט געקומען צו דער מעשה וואס איז געווען אין די מחנה פון די פליטים.

*

ובעוונותינו הרבים, איז גאר דא דער ענין וואס יושב ושותק.

מ׳האט דאך געדארפט אויפהויבן דארט דעם אמת׳ן שטורעם: היתכן?!

---

2) קדושים יט, יח.

3) תורת כהנים עה״פ. ירושלמי נדרים פ״ט ה״ד. ב״ר פכ״ד, ז.



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת שלח

איז מען פארנומען מיט אלע זאכן, ובעיקר – וועלכע מפלגה וועט האבן מערער קולות אין די בחירות וואס וועלן קומען.

– ס'איז טאקע א וויכטיקע זאך, אבער לכל לראש באווארנט ענינים פון פיקוח נפש! באווארנט ענינים פון גאון יעקב! באווארנט ענינים פון קידוש השם – והפכו!



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.